# פרשת עקב י"ז – כ"ג אב תשע"ט לפ"ק

***יום שני פרשת עקב***

בשעות הבוקר נסע **רבינו שליט"א** למחנינו 'עדת יראים' בפארקסוויל, והתפלל תפלת שחרית ביחד עם ילדי המחנה. אחר התפלה התקיים מסיבת קבלת פנים, המנהל הרב **ראובן אלעזר פריעדמאן** שליט"א קידם בדברים את פני **רבינו שליט"א**. אחר כך השמיע **רבינו שליט"א** דברות קודש לתלמידי המחנה. עם סיום הדברות קודש עברו מאות ילדי ובחורי המחנה לפני **רבינו שליט"א** לברכת שלום.

***וזה תוכן הדברות קודש:***

**עס** איז ביי מיר א שמחה אז איך האב אנטייל גענומען היינט דא ביים דאווענען, צו זעהן מיט וואס פאר א ווארימקייט די קינדער און די בחורים האבן געדאווענט. במשך פונעם גאנצן זומער באקום איך זייער שיינע גריסן ווי אזוי מען פירט זיך אויף, סיי בגשמיות און סיי ברוחניות, עס איז אויף זייער א שיינע מדרגה ווי אזוי די קעמפ פירט זיך. מען דארף זיך באדאנקן פאר די חשובע מנהלים, און פאר די מלמדים, און די מדריכים, וואס יעדער איינער לייגט אריין אסאך כוחות.

**די** פרשה די וואך הייבט זיך אן, והיה עקב תשמעון את המשפטים האלה, אויב מען וועט אפהיטן די תורה, ושמר ה' אלקיך לך את הברית ואת החסד (דברים ז-יב), דער אייבערשטער זאגט אלע גוטע זאכן וואס ער וועט געבן אויף שמירת התורה. מען זעהט ביי קינדער, אז אויף יעדע גוטע זאך באקומט מען א פרס. אלעס גייט מיט א פריי"ז טע"ג, אלעס האט א פרייז וואס מען צאלט. מען טוט נישט א זאך פון זיך אליין, אלעס גייט מיט א חשבון אז מען וועט עפעס באקומען דערפאר שפעטער. און אזוי דארף צו זיין ווילאנג מען איז יונג, ווילאנג מען איז נאך קליין, מען פארשטייט נאך נישט די חשיבות פון תורה, און וואס עס מיינט א מצוה. א צוקערל פארשטייט מען, א פלע"י פארשטייט ער, א טר"פ פארשטייט ער, טוט מען אים מחזק זיין און צוציען מיט אזעלכע זאכן, אז ער זאל לערנען, און ער זאל דאווענען, און זיך איידל אויפפירן. ווען מען ווערט אבער אביסל עלטער, הייבט מען אן צו פארשטיין, אז נישט דאס איז די ציל, אז מען זאל באקומען עפעס דערפאר. מען פארשטייט די חשיבות פון תורה, די חשיבות פון א מצוה, ווי חשוב עס איז, אז מען איז זוכה אז מען קען זיין א עבד פארן אייבערשטען. אשר בחר בנו מכל העמים, ונתן לנו את תורתו, דער אייבערשטער האט מיר עקסטער אויסגעקליבן, ער קוקט ארויף אויף מיין לערנען און מיין דאווענען, איך קען זיין דער וואס טוט א נחת רוח פארן אייבערשטען, שאמר ונעשה רצונו (רש"י ויקרא א-ט), דער אייבערשטער זאגט, און איך טוה זיין רצון. דאס איז די גרעסטע שכר וואס מען קען האבן פאר די מצוה. אין הייליגע ספרים שטייט, שכר מצוה מצוה (אבות ד-ב), די שכר וואס א מענטש דארפן שפירן ביי א מצוה, איז די מצוה אליין. נישט אז איך גיי באקומען עפעס דערפאר, נישט עולם הבא וואס מען וועט האבן דערפאר, נאר די מצוה אליין וואס ער טוט, דאס דארף זיין דער שכר פון די מצוה.

**שכר** ווערט אנגערופן 'עקב'. אזוי שטייט אין פסוק (תהלים יט-יב), בשמרם עקב רב. 'בשמרם', אז מען היט אפ די תורה, 'עקב רב', איז דא א גרויסע שכר. והיה איז א לשון שמחה (ויק"ר יא-ז), 'והיה', עס איז א שמחה, ווען א מענטש שפירט, אז 'עקב', די שכר איז, 'תשמעון את המשפטים האלה', דאס אליין אז ער היט אפ די תורה און די מצות, דאס איז דער שכר, דאס איז א שמחה. דאס וואס מען באקומט זייטיגע זאכן דערפאר, איז נאר ווייל אזוי דארף זיין די תחלת העבודה, שמתוך שלא לשמה בא לשמה (פסחים נ:), אבער די שמחה איז, ווען א מענטש פארשטייט, אז די שכר איז, תשמעון את המשפטים האלה. נישט ווייל מען באקומט עפעס פארן דאווענען, נאר **מען האט היינט געהאט א זכיה צו דאווענען פארן אייבערשטען, ער האט א זכיה צו גיין אין בית המדרש, און נאכדעם צו לערנען. ער האט א זכיה אפצורעכטן א שבת מיט שירות ותשבחות פארן אייבערשטען, דאס אליין דארף זיין ביי אים א געוואלדיגע שמחה פאר זיך אליין.**

**אין** הייליגע ספרים שטייט, ווי דערקענט זיך אויף א זאך, צו עס איז גשמיות אדער רוחניות. ווי אזוי מעסט מען די זאך. אסאך מאל איז דא א זאך וואס איז אויסגעמישט א גשמי מיט א רוחני. שבת קודש מיט עונג שבת, עס איז גשמיות מיט רוחניות. ווי דערקענט זיך, צו עס איז געווען א רוחניות'דיגער

ציל אין וואס ער האט געטון. שטייט אין הייליגע ספרים, אז יעדע דבר גשמי, אפילו א מענטש האט א שמחה דערפון, איז די שמחה נאר בשעת ער האט עס. אבער תיכף ווען עס איז אדורכגעגאנגען, שפירט ער מער נישט קיין שמחה. פונעם פאראיאריגן טרי"פ וואס ער איז געפארן, שפירט ער שוין יעצט גארנישט. עס איז שוין אדורך, און ער האט דערפון גארנישט. בשעת מעשה האט ער נהנה געווען, אבער עס בלייבט נישט פון דעם שפעטער. אבער א רוחניות'דיגער הנאה וואס א מענטש האט, דאס בלייבט אויף שטענדיג. ער האט געגעסן מצה פסח, עס איז שוין טאקע אדורכגעגאנגען, ער שפירט שוין נישט דעם טעם פון די מצה, אבער ווען ער דערמאנט זיך ווי אזוי ער איז געזעסן ביים סדר און ער האט געגעסן די מצה, ברענגט עס אים אריין א שמחת הנפש. רוחניות לאזט איבער א שמחה אויף שפעטער אויך.

**דער** פסוק (תהלים סח-ד) זאגט, וצדיקים ישמחו יעלצו לפני אלקים, צדיקים פרייען זיך פארן אייבערשטען, וישישו בשמחה, און זיי פרייען זיך מיט די שמחה. אוודאי, אויב עס איז צדיקים ישמחו לפני אלקים, אוודאי איז וישישו בשמחה. נאר צדיקים ווען זיי פרייען זיך מיטן אייבערשטען, איז נישט נאר בשעת מען טוט די מצוה דעמאלטס האבן זיי די שמחה, נאר וישישו בשמחה, די שמחה האט מען שפעטער אויך. ווייל די שמחה פון א רוחניות'דיגער זאך בלייבט אויף שפעטער אויך. - 'והיה', די שמחה וועט בלייבן, 'עקב', צום סוף, 'תשמעון את המשפטים האלה', נאכדעם וואס ווען מען האט שוין אפגעטון די מצות, וועט עטץ אויך בלייבן מיט א שמחה.

**די** זומער איז א שמחה ביי קינדער, מען איז אינדרויסן, מען פארברענגט זייער אסאך צוזאמען, אבער נישט דאס איז די עיקר פון די שמחה. ווען א מענטש וויל שאצן, צו ער האט געהאט א ערליכען זומער, צו ער האט געהאט א זומער וואס איז געווען מיט גשמיות, צו ער האט קונה געווען רוחניות, וועט עס זיך דערקענען ווען ער גייט אהיים. מען גייט שוין באלד אהיים פון קעמפ, מען האלט שוין ביים ענדיגען, מיט וואס פאר א שמחה ער גייט אהיים, ווען ער האט שוין געענדיגט אלעס, ווען ער מאכט א חשבון וויפיל שעות ער האט זוכה געווען צו לערנען, וואס פאר א שיינע תפלות ער האט געדאווענט אין קעמפ, ועל כולם די שיינע שבתים וואס מען האט געהאט אינעם קעמפ, ווען ער נעמט דאס מיט זיך אויף שפעטער, דעמאלטס איז די עיקר שמחה. אז מען שפירט א תענוג, אז איך האב זוכה געווען צו האבן אזא זומער, דאס איז די שמחה וואס ווייזט אז עס איז געווען א רוחניות'דיגע שמחה.

**מען** גייט שוין אהיים, עס הערט זיך שוין אויף, די וואכן וואס מען איז געווען דא, אבער עס טאר זיך נישט אויפהערן. מיט דארף מיטנעמען אלעס וואס מען האט קונה געווען אויף אינדערהיים. **ווען מען גייט אהיים, דארף מען פונקט אזוי דאווענען אזוי ווי מען האט געדאווענט דא. מען דארף פונקט אזוי אויפשטיין פארן דאווענען צו לערנען, אזוי ווי מען איז אויפגעשטאנען אין קעמפ. די שבתים אין שטוב דארפן זיין מיט אזא ווארימקייט אזוי ווי עס איז געווען דא. זיך צוגרייטן און זאגן דברי תורה ביים טיש, זינגען הויך זמירות שירות ותשבחות פארן אייבערשטען. עס איז נישט קיין נפקא מינה צו די משפחה זינגט מיט, צו נישט, ער דארף וויסן וואס ער דארף צו טון, ער דארף אפפירן א שבת אזוי ווי ער האט עס געזעהן דא.** און דעמאלטס איז 'והיה', דעמאלטס איז א שמחה, ווען 'עקב', ווען מען האט שוין געענדיגט, און נאך אלץ 'תשמעון את המשפטים האלה', פירט מען זיך אזוי ווי מען האט זיך געפירט, דאס איז די אמת'דיגע שמחה.

**מען** האלט שוין נאנט צו די הייליגע טעג, מען גייט שוין באלד אריין אינעם חודש אלול, מען זאל קענען מיטנעמען מיט זיך די אלע דברים טובים וואס מען האט קונה געווען דא אין משך פונעם זומער, די ווארעמקייט צו תורה און אהבת ה', און מדות טובות, וואס מען איז געווען איינער מיטן אנדערן אזויפיל צייט צוזאמען, און מען האט ארויסגעהאלפן איינער פארן צווייטען, מען האט געזעהן צו העלפן וואס מען קען טון חסד איינער מיטן אנדערן, זאל מען עס מיטנעמען מיט זיך ווען מען גייט אהיים, און אויף דעם וועג זאל מען זיך ווייטער פירן אפילו ווען מען איז אין שטוב, ווייל דאס איז די עיקר שמחה, ווען מען איז עס ממשיך אויף שפעטער. וישישו בשמחה, אז מען קען זיך שפעטער אויך פרייען מיט די שמחה. דער אייבערשטער זאל געבן, אז מיר זאלן אלע האבן א גוט געבענטשט יאר, און א כתיבה

וחתימה טובה. דער באשעפער זאל מקבל זיין אלע תפלות פון כלל ישראל לרחמים ולרצון, און מיר זאלן זוכה זיין אינאיינעם אקעגן צו גיין משיח צדקנו, במהרה בימינו אמן.

*

אחר כך נכנס **רבינו שליט"א** לכיתה ח' (כיתה של הרב **אברהם צבי וואזנער** שליט"א) ובחן את התלמידים על מה שלמדו במשך השנה.

*

***יום שלישי פרשת עקב***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפלין לבן הר"ר **פרץ חיים בוימהאפט** הי"ו. אחר התפלה הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה. אחר כך השמיע דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה.

אחר כך נסע **רבינו שליט"א** למחנה ישיבה קטנה סאטמאר (וומסב"ג) בעיר וואודבערן, והשתתף אצל הברית של בן הרב **יעקב פריעדמאן** שליט"א. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם. אחר הברית הסיב למסיבת לחיים, ונשא מדברות קדשו לבחורי הישיבה. אחר הדברות קודש עברו בחורי הישיבה לפני **רבינו שליט"א** לברכת שלום.

***וזה תוכן הדברות קודש:***

**מען** האט מיך געבעטן איך זאל רעדן א פאר ווערטער פאר די בחורים. פותחין בכבוד האכסניא, אזא אכסניא של תורה, א נחת צו קוקן ווי אזוי די בחורים זעהן אויס, יראת ה' חופפת על פניהם, און מען זיצט און מען לערנט.

**די** פרשה די וואך הייבט זיך אן, והיה עקב תשמעון את המשפטים האלה (דברים ז-יב), די תורה גיט די אלע ברכות וואס ווען זיין, אויב מען וועט אפהיטן די תורה. געווענליך אז מען דארף רעדן פאר בחורים, איז וויכטיג צו רעדן אנהייב זמן, ווען מען הייבט אן צו לערנען, דעמאלטס דארף מען מחזק זיין. דברי תורה צריכין חיזוק (ברכות לב:), וויסן די חשיבות פון תורה, זיך ארייגלייגן אין די לימודים. מען האלט אבער שוין ביים סוף פונעם יאר, כמעט פון די לעצטע פאר טעג פון קעמפ, און די לעצטע פאר טעג פונעם זמן. עס איז שוין אדורכגעאנגען וואס עס איז אדורכגעאנגען, וואס האט מען נאך יעצט צוצוגעבן און רעדן פון חשיבות פון תורה? אין אנהייב פון דעם קומענדיגן זמן, וועט מען דארפן נאכאמאל געבן חיזוק. אבער נישט יעצט, ווען מען האלט שוין ביי די לעצטע מינוטן נאנט צו נעילה.

**אבער** עס איז נישט אזוי. אזוי ווי מען מאכט א ברכה אויף די תורה בשעת מען הייבט אן צו לערנען, אזוי איז אויך דא א תפלה וואס מען זאגט ווען מען ענדיגט לערנען. איך דאנק דעם אייבערשטן ששמת חלקנו מיושבי בית המדרש ולא שמת חלקנו מיושבי קרנות. **ווען עס קומט צום סוף פון א יאר, סוף פון א זומער, דארף א יוד געבן א שבח והודיה פארן רבונו של עולם, געלויבט דער אייבערשטער אז איך בין א גאנץ יאר געזעסן אין בית המדרש, איך האב זיך נישט געדרייט אויף די גאסן, איך האב זיך נישט אויפגעפירט ווי דער גוי פירט זיך אויף, איך האב אוועקגעגעבן רוב פון מיינע שעות פונעם טאג, פאר תורה ותפלה און עבודת ה'.** איך דאנק דיר רבונו של עולם, ששמת חלקי מיושבי בית המדרש, איך האב געהאט די זכיה צו זיצן דאס יאר אין בית המדרש, ולא שמת חלקי מיושבי קרנות. שאנו עמלים והם עמלים, וואס האבן זיי פון זייער עמל וואס זיי פלאגן זיך. איך גיי אהיים מיט א גאנצע מסכת, און מיט אנדערע לימודים וואס מען האט געלערנט. ביי מיר האט גע'פועל'ט דאס יאר, אז איך זאל אויסוואקסן אזוי ווי א יוד דארף אויסוואקסן. דארף מען געבן א שבח והודיה פארן רבונו של עולם, בינו לבין המקום, צווישן זיך מיט די פיר ווענט, דאנקן דעם אייבערשטן ששמת חלקי מיושבי בית המדרש.

**און** כל שכן אז מען האט געהאט די זכיה אז מען קען זיין זומער אויסער די שטאט. מען ווייסט אפילו נישט צו שעצן וואס דאס מיינט, צו זיין צוויי חדשים אפגעזונדערט פון די טריפה'נע גאסן אין די שטאט, און מען קען זיצן אינדרויסן אפגעזונדערט פון די וועלט. א בחור - ווען ער וואלט געוואלט - וואלט ער נישט געדארפט מבטל זיין א מינוט! דאס עסן איז צוגעגרייט, די בעט צו שלאפן איז צוגעגרייט, אלע זיינע צרכים זענען צוגעגרייט. מען דארף עסן, און תיכף צוריק גיין אין בית המדרש אויסנוצן די צייט. דארף מען געבן א שבח והודיה אז עס איז אדורכגעאנגען אזא יאר.

**אין** והיה אלא לשון שמחה (ויק"ר יא-ז), 'והיה', עס איז א שמחה, 'עקב', ווען מען האלט ביים סוף, און מען זעהט אז עס איז 'תשמעון את המשפטים האלה', אז מען האט אויפגעטון דאס יאר, מען האט געלערנט את המשפטים האלה, דאס דארף זיין א שמחה ביי יעדן יוד.

*

**עס** איז אבער דא איין נקודה וואס איז יא נוגע פארן סוף פונעם יאר, וואס דאס איז 'חזרה', איבער'חזר'ן וואס מען האט געלערנט. חזרה קען מען נישט מאכן אנהייב יאר, מען האט דאך נאך נישט געלערנט, אבער **אז מען פלאגט זיך א גאנצן יאר, און מען האט געלערנט א מסכת, טאר מען נישט אדורכלאזן די יאר אנדעם וואס מען זאל נישט איבער'חזר'ן און קענען די מסכת!** דאס איז די עבודה פון א בחור ווען ער האלט ביי די לעצטע וואכן פונעם זמן, איבער'חזר'ן וואס מען האט געלערנט. עס איז נאך דא א בין הזמנים וואס מען קען נאך משלים זיין וואס מען האט פארפעלט.

**אין** די גמרא (סנהדרין צט.) שטייט, אז ווען א מענטש לערנט, און ער חזר'ט נישט איבער וואס ער האט געלערנט, איז ער אזוי ווי א זורע ואינו קוצר. א מענטש האט א פעלד, און ער פלאגט זיך, ער גייט ארויס און בא'ארבעט דעם פעלד, ער אקערט די פעלד, ער זייעט איין די פעלד, און ער האט א ברכה. עס גייט אדורך דער ווינטער, און עס הייבן אן צו וואקסן די פירות, און ער האט א פעלד וואס איז פול מיט תבואה, און ער איז פויל, און ער שניידט נישט די תבואה, איז ער א דאפעלטער שוטה. איינס, דו האסט אזא פארמעגן דא, וואס דו קענסט עס אריינלייגן אין א אוצר, און דו לאזט עס איבער. און צווייטנס, פארוואס האסטו זיך געפלאגט א גאנץ יאר? אויב דו דארפסט עס נישט, איז דאך געווען א שאד דיין פלאג וואס דו האסט זיך געפלאגט א גאנץ יאר, און עס בלייבט נישט ביי דיר. זאגט די גמרא, אז א מענטש וואס לערנט, און ער חזר'ט נישט איבער וואס ער האט געלערנט, איז אזוי ווי א מענטש וואס זייעט אן, ואינו קוצר. - זריעה איז א גאנץ יאר, און קצירה, דאס איז די לעצטע חודש פונעם זמן. יעצט איז די צייט פון קצירה. חזר'ן וואס מען האט געלערנט, און עס אוועקלייגן אין זיין אוצר. די מסכת קען איך ישר והפוך, די מסכת איז ביי מיר מונח בקופסא, דאס איז דער חשיבות פון די לעצטע טעג פונעם יאר.

**'שמיעה'** איז אויך א לשון פון איינזאמלען, וישמע שאול את העם (שמואל א טו-ד). 'והיה', די שמחה איז, 'עקב', ווען מען האלט ביים סוף פונעם יאר, 'תשמעון את המשפטים האלה', און מען טוט צוזאמזאמלען וואס מען האט געלערנט דאס יאר. איך וויל נישט אדורכגיין דעם יאר און איך זאל נישט קענען, איך וויל איבערגיין אלע לימודים וואס איך האב געלערנט דאס יאר. אנהייבן חזר'ן. און אז מען האט שוין אנגעהויבן, זאל מען צוענדיגן. נישט איבערלאזן איין שטיקל לימוד וואס מען האט געלערנט, און מען האט עס נישט איבערגע'חזר'ט, עס זאל זיין מונח בקופסא אויף שפעטער.

**מען** ווייסט אז תורה לערנען איז נישט אזוי גרינג, מען דארף זיך פלאגן פאר תורה, אבער עס איז כדאי. אנו עמלים והם עמלים, אנו עמלים ומקבלים שכר, וויפיל עמל א מענטש לייגט אריין אין תורה, אזויפיל איז ער מצליח. אלעס ווענדט זיך אין די עמלות התורה וואס א מענטש פלאגט זיך דערויף. די וואך אין די פרשה זאגט משה רבינו, איך בין ארויפגעגאנגען מקבל זיין די תורה, און פערציג טעג לחם לא אכלתי ומים לא שתיתי (דברים ט-ט), אפילו פת במלח תאכל, ומים במשורה תשתה האט ער אויך נישט מקיים געווען. ער איז געווען אויסגעטון פון די וועלט. ער האט מקבל געווען די תורה, עס איז א שאד געווען צו עסן. אין די צייט וואס מען עסט, קען מען אריינכאפן נאך אביסל תורה פונעם אייבערשטן. איז ער געזעסן אויבן און ער האט געלערנט, און אוועקגעגעבן אלע עניני עולם הזה פאר תורה.

**דאס** איז די עבודה פון א בחור אין די יונגע יארן. דאס איז די שענסטע יארן וואס ער האט נאר אין לעבן. און עס איז א שאד אוועקצוגעבן אפילו איין מינוט פאר עניני גשמיים. וואס מען קען אויסנוצן פאר עבודת ה' זאל מען אריינלייגן אין תורה. עס איז טאקע שווער, אבער עס צאלט זיך אויס. דאס איז אן אינוועסטמענ"ט וואס איז ווערט שפעטער זייער אסאך.

*

**אסאך** מאל איז אבער דא, **וואס מען האלט סוף פונעם יאר, און דער בחור ווערט צובראכן. איך האב געמיינט אז דאס יאר וועל איך האבן אזא פיין יאר, איך וועל מצליח זיין, איך וועל קענען. און ער קוקט זיך אן, עס איז אדורכגעגאנגען די יאר, און ער איז נישט אנגעקומען וויפיל ער האט געוואלט, און ער ווערט צעבראכן ביי זיך.** - אמאל איז דא, וואס ער איז טאקע שולדיג. ער האט אנגעברענגט די צייט. אבער אמאל איז דא וואס ער איז גארנישט שולדיג דערויף. ער איז נישט דער בעל כשרון, ער קען נישט קענען וואס א צווייטער קען. אים האט דער אייבערשטער נישט מזכה געווען מיטן בעסטן קאפ, צו מיטן בעסטן זכרון. ער האט פרובירט זיך צו פלאגן וויפיל ער קען, אבער ער איז נישט אנגעקומען מער. און ער ווערט צובראכן ביי זיך.

**עס** איז פאלש! אין הקב"ה בא בטרוניא עם בריותיו (עבודה זרה ג.). וויפיל דו קענסט יא, און דו האסט זיך געפלאגט דערויף, דארפסטו זיין צופרידן! - **אמאל קען אויסקומען אז א בחור קען נאר איין פרק, אדער צוויי פרקים, און עס איז מער ווערד ביים אייבערשטן די צוויי פרקים וואס ער קען, ווי די פינף פרקים וואס יענער קען!** ווייל פאר יענעם איז עס נישט אנגעקומען שווער, ער האט זיך נישט געפלאגט דערויף, ער איז א בעל כשרון. א יוד דארף שטענדיג וויסן, אז ער טוט וואס ער דארף צו טון, און ער דארף האבן א צופרידנהייט ביי זיך, און נישט זיין צעבראכן. ווייל דאס צובראכענקייט, דאס איז נישט קיין ענוה, נאר דאס איז א פתח מען זאל נאכלאזן פון זיינע לימודים. דאס איז א יאוש, וואס ער טוט זיך מייאש זיין.

**די** וועלט זאגט נאך פון **חידושי הרי"ם**, אז ער האט געזאגט, פארוואס ווען א מענטש פארלירט א חפץ, און ער איז זיך מייאש, קען עס א צווייטער צונעמען? ווייל דאס איז א קנס! מען האט אים גע'קנס'ט, ווייל ער האט זיך מייאש געווען. א יוד טאר זיך נישט מייאש זיין! האט מען אים גע'קנס'ט אז אויב דו ביסט זיך מייאש, וועסטו פארלירן דעם חפץ. מען טאר זיך נישט מייאש זיין! ויגבה לבו בדרכי ה'! זיין שטענדיג צופרידן מיט וויפיל מען איז יא אנגעקומען, און נישט קוקן אויף די זייט וואס עס פעלט.

**ויגבה** לבו בדרכי ה' איז אין אלע ענינים. א מענטש דארף וויסן זיין צופרידענהייט. סוף כל סוף איז ער געזעסן אין בית המדרש א גאנץ יאר, ער האט זיך נישט געדרייט אויף די גאס, ווי חשוב איז דאס, וויפיל בין איך ניצול געווארן פון הרהורי עבירה ווען איך בין געזעסן אין בית המדרש. איז דאס גארנישט?! איז דאס נישט קיין חשיבות?! מען דארף מחשיב זיין פאר זיך אליין דאס וואס ער האט. ווען עס קומט צום דאווענען, טראכט ער, מיין דאווענען איז עפעס ווערד? איך האב געדאוונט מיט מער כוונה, וויניגער כוונה. עס איז נישט אזוי. יעדער יוד האט אין זיך א נשמה וואס איז א חלק אלקי ממעל, און דער אייבערשטער איז א שומע תפלת כל פה. פון יעדע מויל וואס רעדט, איז דער אייבערשטער מקבל די תפילות. א יוד דארף מקיים זיין ביי זיך ויגבה לבו בדרכי ה'. צווישן חברים דארף ער זיך נישט גרויס האלטן, אבער בדרכי ה' דארף מען זיך גרויס האלטן. וויסן דעם חשיבות וואס ער האט, און דאס וועט אים צוברענגען ער זאל שטייגן.

**עס** שטייט ביי מתן תורה, במשוך היובל המה יעלו בהר (שמות יט-יג). 'יובל' איז די ראשי תיבות ו'יגבה ל'בו ב'דרכי י'. ווען עס איז 'במשוך היובל', ווען מען ציט אויס די ווארט 'יובל', איז עס ויגבה לבו בדרכי ה'. ווען א יוד האט דעם ויגבה לבו בדרכי ה', 'המה יעלו בהר', מיט דעם וועט מען שטייגן! פון צובראכענקייט קומט מען נישט אן אין ערגעץ. ווען א מענטש נעמט זיך אין די הענט אריין, און ער ווייסט זיין חשיבות וואס ער האט, און ער טוט וויפיל ער קען, דעמאלטס איז ער מצליח.

*

**איך** האב געוואלט מעורר זיין אויף איין נקודה. מען פארט דאך שוין באלד אהיים פונעם קעמפ, און מען איז אין שטוב. עס איז דא א מצוה אין די תורה, כבד את אביך ואת אמך (שמות כ-יב), מען דארף מכבד זיין עלטערן. צוויי חדשים האט עטץ נישט מקיים געווען די מצוה, יעדער איז געווען אין קעמפ, און עס איז נישט אויסגעקומען אז מען זאל קענען מקיים זיין די מצוה.

**אין** די צייט וואס מען איז אינדערהיים, איז דא צוויי סארט כיבוד אב. איינס, פשוטו כמשמעו, **ווען דער טאטע זאגט עפעס, די מאמע זאגט עפעס, דינגט מען זיך נישט דערמיט, מען שטופט עס נישט אפ, מען**

**פאלגט וואס מען האט געזאגט. צווייטנס, אז מען פירט זיך אויף ערליך, מען פירט זיך אויף מיט א סדר. טאטע און מאמע זעהן, אז דער בחור איז א ערנסטער בחור, ער עסט איידל און שטוב, ער שטייט אויף צופרי נארמאל צום דאווענען, צו עס איז יא דא א סדר אין ישיבה, צי נישט, דאס איז די גרעסטע תענוג וואס עלטערן קענען האבן! און די גרעסטע ווייטאג פאר עלטערן איז, ווען מען זעהט, אז דאס קינד דרייט זיך ארום, ער האט נישט וואס צו טון. מען האט טאקע געזאגט פון ישיבה אז ער איז א וואוילער בחור, און ער לערנט פלייסיג וכדומה, אבער אסאך מאל פרעגן טאטעס און מאמעס, איך זעה נישט ווען ער קומט אהיים, אז עס זאל אזוי זיין. ער דרייט זיך ארום, ער איז נישט ביי קיין ספר. און דאס צוברעכט עלטערן.** כיבוד אב ואם איז, ווען מען פירט זיך אויף ערליך, מען פירט זיך ווי עס פאסט פאר א בן תורה, דאס איז א כיבוד וואס מען איז מכבד די עלטערן.

**איך** האב געהערט פארציילן פון **רבי חיים קניבסקי זאל זיין געזונט**, אז ווען ער איז געווען א יונגערמאן איז זיין שוועסטער געקומען צו זיין פאטער צום **סטייפלער**, און זי האט אים געזאגט, אז חיים שפירט זיך נישט גוט, עס טוט אים ווי די רוקן, און ער גייט אין בית המדרש אזוי ווי ביז יעצט. און ער זאל אים הייסן, ער זאל זיך אריינלייגן אין בעט זיך אויסרוהען אויף איין טאג. איז דער סטייפלער אריבערגעגאנגען צו זיין זון רבי חיים אין שטוב, און ער האט אים געזאגט, חיים, לייג דיך אריין אין בעט, און ביז מארגן צופרי זאלסטו נישט אופשטיין. איז ער געגאנגען, און ער האט זיך אריינגעלייגט אין בעט. דער טאטע האט אים געהייסן, האט ער זיך אריינגעלייגט.

**שפעטער** קומט דאס ווייב אהיים, און זי זעהט אז ער ליגט אין בעט. פרעגט זי אים, פארוואס ליגסטו אין בעט? זאגט ער, דער טאטע איז דא געווען, און ער האט מיר געהייסן זיך לייגן אין בעט. גייט זי אריבער צום **סטייפלער**, און זי פרעגט אים, פארוואס ער האט געהייסן פאר זיין זון, אז ער זאל זיך אריינלייגען אין בעט. האט ער איר געזאגט, אז די שוועסטער האט אים געזאגט, אז חיים שפירט זיך נישט גוט. האט די שוועסטער געזאגט, אז זי האט א איידעם וואס הייסט אויך חיים, און ער שפירט זיך נישט גוט, און אויף אים האט זי געזאגט פארן סטייפלער, אז ער זאל אים זאגן, אז ער זאל זיך אריינלייגן אין בעט. און דער סטייפלער האט פארשטאנען אז מען מיינט זיין זון רבי חיים.

האט דער סטייפלער געזאגט, איך מוז אריבערגיין צו אים, און אים זאגען אז ער זאל ארויסקומען פונעם בעט, ווייל אז נישט, וועט ער בלייבן דארטן ביז מארגן צופרי. איז ער אריבערגעגאנגען צו אים און ער האט אים געזאגט, ער זאל ארויסגיין פון בעט. האט זיך רבי חיים אויפגעהויבן, און ער איז ארויסגעגאנגען פון בעט. - ער האט נישט פארשטאנען פארוואס מען האט אים געהייסן זיך לייגן אין בעט, ער איז דאך געווען געזונט און שטארק, אבער ער האט נישט געפרעגט דעם טאטען, פארוואס ער זאל זיך לייגן אין בעט ביז מארגן. און ווען מען האט אים געזאגט, אז ער זאל ארויסגיין פון בעט, האט ער נישט געפרעגט פארוואס האסטו מיך פריער געהייסן גיין אין בעט, און יעצט הייסטו מיך ארויסגיין. - דער טאטע האט געהייסן, פאלגט מען! ער האט געהייסן אריין גיין, גייט מען אריין. ער האט געהייסן ארויסגיין פון בעט, קומט מען ארויס פון בעט. דאס איז ריכטיג כיבוד אב ואם! מען דינגט זיך נישט מיט קיין טאטע און מאמע, מען פאלגט וואס מען האט געהייסן. כבד את אביך ואת אמך למען יאריכון ימיך ולמען ייטב לך, טוב אויף די וועלט, און די גמרא (חולין קמב.) דרשנ'ט עס אויך אויף יענע וועלט.

**מען** ברענגט צו פונעם **סטייפלער** אז ער האט נאכגעזאגט פונעם **חזון איש**, אז אלע גדולי ישראל וואס ער האט געקענט, וואס זענען אויסגעוואקסן גדולי ישראל, האבן מקיים געווען כיבוד אב ווי עס דארף צו זיין! אזוי האט דער **חזון איש** געזאגט. אז מען זיצט און מען לערנט פלייסיג, עלטערן האבן נחת פון קינדער, דאס איז ריכטיג מקיים געווען כיבוד אב אזוי ווי עס דארף צו זיין.

**איך** בין זיכער אז יעדער האט געהאט א געוואלדיגע הצלחה אין משך פונעם זמן, די מגידי שיעורים האבן זיך אוועקגעגעבן פאר ענק. דאס ווייסט מען אויך נישט צו שעצן, וואס דער מגיד שיעור טוט אלץ פאר א בחור. ב"ה די ישיבה האט א גוטן נאמען, מען לערנט פלייסיג, דארף מען זעהן דאס ווייטער אויפצוהאלטן, איבערגיין וואס מען האט געלערנט, נישט איבערלאזן קיין שום זאך וואס מען האט געלערנט, און מען האט עס נישט געהעריג איבער'גע'חזרט.

**ווען** מען קומט אריין אין שטאט, דארף מען וויסן אז די שטאט איז א טריפה'נע שטאט, און מען דארף זיך וויסן צו היטן, זיך נישט דרייען אויף די גאסן, נישט גיין ווי מען דארף נישט צו גיין, **א בחור דארף נאר זיין אויף צוויי פלעצער, אדער אינדערהיים אדער אין בית המדרש.** ערגעץ אנדערש האט מען נישט וואס צו זיין, און דעמאלטס איז מען מצליח אין תורה און אין יראת שמים. - זאל דער באשעפער געבן, אז מען זאל וואקסן תלמידי חכמים און ערליכע אידן, און מיר זאלן זוכה זיין אלע אינאיינעם צו האבן א כתיבה וחתימה טובה, און א גוט געבענטשטע יאר, און אקעגן גיין משיח צדקינו, במהרה בימינו אמן.

*

בשעות הצהרים התקיים בבית **רבינו שליט"א** האפשערן של בן הר"ר **איסר ציגעלהיים** הי"ו.

בשעות אחר הצהרים התקיים אסיפת הרבנים במעון הקיץ של **רבינו שליט"א** בענין גזירת החינוך בניו יארק.

בין המשתתפים אצל האסיפה נמנו: **כ"ק האדמו"ר מסאטמאר שליט"א, כ"ק האדמו"ר מוויזניץ-וומסב"ג שליט"א, כ"ק הגה"צ מצעהלים שליט"א, הגה"צ רבי אברהם שלמה בלום שליט"א** אב"ד ור"מ קאשוי, **הגה"צ רבי מנחם מענדל טייטלבוים שליט"א** אב"ד סאטמאר וומסב"ג, **הגה"צ רבי חיים צבי טייטלבוים שליט"א** אב"ד סאטמאר ירושלים, **הגה"צ רבי משה מנחם וייס שליט"א** דומ"ץ פאפא ב"פ ואב"ד סאטמאר לאנדאן, **הגה"צ רבי אהרן זילבערשטיין שליט"א** דומ"ץ צעהלים. גם נוכחו שם ראשי העסקנים ואישי ציבור העוסקים בענין.

במשך האסיפה שארכה כשעתיים, דנו בכובד ראש במצב הגזירה שתלוי ועומד על מוסדות התורה והחינוך, ובאופן דרכי המלחמה להעמיד הדת על תילה.

*

***<u>שבת קודש פרשת עקב</u>***

כשעה וחצי אחר זמן מוצאי שבת ערך **רבינו שליט"א** סעודת מלוה מלכה בבית המדרש. **רבינו שליט"א** כיבד את הר"ר **שמואל דוד פישער** הי"ו (מנכ"ל מוסדותינו הק' בוומסב"ג) לשור ניגון. **רבינו שליט"א** סיפר למשך זמן ענינים ועובדות מהרה"ק **מסאטמאר זצ"ל**, והזכיר עוד כמה ענינים מהצדיקים **האדמו"ר מספינקא זצ"ל, האדמו"ר מטאהש זצ"ל, הרה"ק בעל נועם אליעזר מסקולען זצ"ל**, שיומא דהילולא שלהם חל בשבוע זו. בברכת המזון נתכבד הרה"ג רבי **שמחה אהרן שטראהלי** שליט"א דומ"ץ דקהלתנו הק' בוומסב"ג.

***<u>וזה תוכן השיחות קודש:</u>***

**די** וואך איז דא אסאך יארצייטן פון די לעצטערע צדיקים וואס זענען געווען ביי אונז אין שטאט. דער **סאטמארער רב זי"ע, רבי הערש'עלע ספינקער**, דער **סקולענער רבי**, און דער **טאהשער רבי**, זכותם יגן עלינו ועל כל ישראל.

**כל** ימי גדלתי בין החכמים, אלע מיינע יארן האב איך זיך געדרייט צווישן ערליכע אידן. מיין **טאטע ז"ל** פלעגט אונז צו שיקן, אז אונז זאל מיר גיין איבעראל. וואו מען האט געוואלט גיין, האט ער קיינמאל נישט געשטערט צו גיין צו סיי וועלכן רבי'ן. ער פלעגט צו זאגן, איך בין נאך פונעם פריער'דיגן דור, איך האב נאך געקענט די פריער'דיגע צדיקים, איז מיר שווער צו גיין צו די היינטיגע רבי'ס, אבער דו ביסט נאך יונג, דו האסט נאך ממילא גארנישט געזעהן פאר דיינע אויגן, איז כאפ אריין וואס דו קענסט זעהן.

**די** מערסטע וואו איך בין געווען, וואו איך האב קונה געווען, איז געווען ביים **סאטמארער רב זי"ע**. דער סאטמארער רב האט געהאט צוויי פארשידענע זמנים. עס זענען געווען זיינע געזונטע יארן, ביז שבת שקלים תשכ"ח, וואס דעמאלטס האט ער געהאט ל"ע די סטראוק, און עלף און א האלב יאר איז ער נישט געווען געזונט. יעצט איז פערציג יאר פון ווען ער איז אוועק. דאס מיינט, אז די וואס געדענקען אים ווען ער איז נאך געווען געזונט, זענען וויינציגסטנס איבער פופציג יאר אלט.

**איך** האב מיך געדרייט ביי אים אלץ יונגל, פון ווען איך בין אלט געווען ניין-צען יאר. און נישט קיין סאך, ביז די פופצן יאר. ביי די פופצן יאר בין איך געגאנגען אין ישיבה אין נייטרא, איז מיר שוין וויניגער אויסגעקומען, אז איך זאל קענען זיין. און א יאר נאכדעם וואס איך האב חתונה געהאט (סיון תשכ"ז), איז ער נישט געזונט געווארן, איז ממילא נישט אויסגעקומען אז מען איז געווען אסאך.

**ביז** די פערצן-פופצן יאר זענען מיר אויך געווען שכנים. מיר האבן געוואוינט דעמאלטס צווישן דעם סאטמארער רב'ס דירה, און די בית המדרש. דער סאטמארער רב האט געוואוינט אויף בעדפאר"ד ביי קליימע"ר סטרי"ט, עס שטייט נאך היינט אויך די דירה. און דאס בית המדרש איז געווען אויף בעדפאר"ד קארנע"ר ראס"ס סטרי"ט, ווי דעם סאטמארער רב'ס דירה איז. און אונז האב מיר געוואוינט אינדערמיט, ביי בעדפאר"ד און טעילע"ר סטרי"ט. דער סאטמארער רב פלעגט יעדן טאג אדורכצוגיין אונזער הויז, ווען ער איז געגאנגען דאווענען. ער איז אלץ געגאנגען צופיס, נישט געפארן מיט קיין קאר. אויך ווען ער איז צוריקגעקומען, איז ער אלץ אדורכגעגאנגען דעם וועג.

**אסאך** מאל פלעגט ער צו גיין צווי מאל אין טאג. ער פלעגט צו גיין אין מקוה אכט-ניין אזייגער אינדערפרי, און ער פלעגט צוריק אהיים גיין, און ערשט שפעטער געגאנגען צום דאווענען. אבער רוב מאל איז ער געגאנגען אין מקוה ערשט פארן דאווענען. עלף-צוועלף אזייגער בשעת ער איז געגאנגען דאווענען, איז ער געגאנגען אין מקוה.

*

**איך** האב געלערנט אין תלמוד תורה אין סאטמאר, און דעמאלטס איז אלעס געווען נאר אין איין בנין וואס סאטמאר האט פארמאגט. אונטען איז געווען די מקוה. א שטאק העכער דעם איז געווען דאס בית המדרש. א שטאק העכער איז געווען די תלמוד תורה. און א שטאק העכער איז געווען די ישיבה. איך בין געווען א יונגל אין חדר, האב איך געלערנט אויפן שטאק העכערן בית המדרש. מיטאג צווישן איינס און צוויי, האט מען געהאט לאנטש. וואס איז געווען די שפילען? עס איז נישט געווען קיין הויף, עס איז נישט געווען וואו צו שפילען אינדרויסן, בין איך אראפגעגאנגען אין בית המדרש. דער סאטמארער רב פלעגט בערך דעמאלטס צו דאווענען, ער פלעג צו דאווענען מיטאג צייט, און נאכדעם איז ער געבליבן אין בית המדרש. דאס דאווענען האט גענומען בערך א צווויי שעה פון ווען ער איז אריינגעקומען. נאכדעם איז ער געזעסן אין בית המדרש, עס זענען געווען די ברית'ן, און מענטשן האבן אים אויפגעהאלטן. און אונז פלעג מיר זיך אלץ ארום צו דרייען אין בית המדרש.

**מיין** טאטע ז"ל איז געווען א מוהל, ער האט געהאט א סאך ברית'ן אין סאטמאר, האב איך זיך געשפירט נאך נאנטער, און איך פלעג אראפצוגיין צו די ברית'ן. נאכן ברית פלעגט דער סאטמארער רב על פי רוב זיך אנטון די ר"ת'ס תפילין, און ער איז געזעסן אויף זיין פלאץ און געזאגט תהלים, און ער פלעגט יעדן טאג צו לערנען פאר זיך איין פרשה חומש רש"י, מיט די פירושים אויפן פלאץ. און אין די צייט איז דער עולם געזעסן נעבן דעם ביי א טיש, וואס דארט איז געווען די סעודה פונעם ברית, און ווען ער האט געענדיגט וואס ער האט אפגעלערנט, פלעגט ער זיך צוזעצן צו דעם טיש, און ער פלעגט צו שמועסן. ער איז געווען זייער גוט אויפגעלייגט.

**מיין טאטע ז"ל** פלעגט צו זאגן, אז ווען ער וואלט אפגעשריבן אלע שמועסן וואס ער האט געהערט דעמאלטס פונעם סאטמארער רב, וואלט ער געקענט מאכן א גאנץ ספר. אלץ איז געווען אן אנדערע נושא פון וואס ער האט גערעדט. און אזוי ווי איך בין געווען א קינד, האב איך זיך אלץ צוגעשארט. עס איז כמעט נישט אדורך א טאג וואס איך זאל אים נישט זעהן. דאס איז געווען אינדערוואכן. שבתים, האבן מיר געוואוינט נאנט. פלעגט איך כמעט פון אלץ צען יעריג יונגל, צו זיין כמעט יעדע וואך ביים טיש.

*

**וואס** איך געדענק, ווי איך האב פריער געזאגט, איז כמעט נאר ביז די פופצן יאר וואס איך האב געקענט מיטהאלטן. שפעטער ווען איך בין געגאנגען לערנען אין ישיבה, איז נאר אויסגעקומען בין הזמנים'ס וואס איך האב געקענט מיטהאלטן. שובבי"ם פלעג איך אריין צו פארן מיט א קאר פון די ישיבה, צו זיין ביי די שובבי"ם תורה. און אסאך מאל ווען עס האט זיך געבענקט, פלעגט מען זיך אוועקצוכאפן אינדערמיטן, און אריינפארן.

**כמה** פעמים פלעג איך אריינפארן מוצאי שבת, כדי צו זאגן 'א גוטע וואך', נישט מער. באקומען א ברכה אויף א גוטע וואך, איז געווען א חשיבות. עס שטייט אין **סידור היעב"ץ** (בהנהגת ליל שבת אות ז', ובהנהגת מוצאי שבת אות ט'), אז עס איז א גרויס ענין אז א תלמיד זאל באקומען א ברכה פון זיין רבי, פרייטאג צו נאכטס 'א גוט שבת', און מוצאי שבת 'א גוטע

וואך' (ראה **בשמן ראש** חלק אחד עשר במדבר דף נד). עס איז מיר אסאך מאל חשוב געווען אריינצוקומען פון מאנט-קיסקא, צו באקומען א גוטע וואך, אפילו איך האב געוואוסט אז איך קום שוין אן נאך די תורה, איך קום שוין אן שפעט ביי מעריב (ראה **בשמן ראש** ז' אדר ח"ב דף קלב). - עס איז נישט געווען אזוי גרינג אריינצופארן, עס איז נישט געווען קיין קארס, מען האט געדארפט נעמען א טעקס"י פון די ישיבה צו די טרעי"ן, און פון טרעי"ן אנגעקומען אויף גרענ"ד סענטרא"ל, און פון גרענ"ד סענטרא"ל נעמען א טעקס"י אויף וויליאמסבורג, אזוי האט מען געקענט אנקומען.

*

**ימים** טובים איז מיר אויסגעקומען אסאך צו זיין ביי סאטמארער רב. כמעט יעדן יום טוב איז אויסגעקומען אז איך זאל קענען זיין ביים רבי'ן. די הייליגע טעג, ראש השנה, פלעגט **מיין טאטע ז"ל** צו זיין בעל תוקע, ער האט געבלאזן שופר ביי מוסף. און אזוי ווי ער פלעגט צו זיין בעל תוקע, האב איך זיך געקענט גרינג מיטכאפן, פלעג איך צו שטיין אויבן כמעט נעבן דעם רבי'ן, יעדן ראש השנה האב איך געקענט מיטהאלטן דאס גאנצע דאווענען פון דער נאנט.

**ווען** מיין **טאטע ז"ל** איז געקומען קיין אמעריקע, איז ער אנגעקומען פאר פסח (בשנת תש"ט). די ערשטע יאר האט ער נישט געהאט קיין בית המדרש, פלעגט ער צו דאווענען ביים **סטראפקוב'ער רב זצ"ל**. און ראש השנה איז ער געגאנגען דאווענען צום **סאטמארער רב**. ביז דעמאלטס איז געווען בעל תוקע **רבי חיים טירנויער ז"ל** (אביו של **הגה"צ אב"ד שומרי שבת זצ"ל**), און דעמאלטס איז ער אוועקגעפארן קיין ארץ ישראל[א], און דער סאטמארער רב איז געבליבן אן א בעל תוקע. דער סאטמארער רב האט געבלאזן נאר ביי די ברכות, ער האט געזאגט די ברכות און געבלאזן, אבער ביי שטילע שמונה עשרה און ביי די הויכע שמונה עשרה פלעג ער נישט צו בלאזן. איך ווייס נישט פארוואס. ער האט דאך געקענט בלאזן, האט ער דאך געקענט בלאזן ביי די שמונה עשרה אויך. אבער אזוי איז געווען, ביי שטילע און הויכע שמונה עשרה האט ער אוועקגעגעבן די תקיעות. האט ער מכבד געווען מיין טאטען צו בלאזן שופר, און עס איז אים זייער געפעלן ווי אזוי ער האט געבלאזן.

**דעם** קומענדיגען יאר, האט שוין **מיין טאטע ז"ל** געהאט א בית המדרש, האט ער געדאווענט ביי זיך, אבער נאכן דאווענען איז ער צוגעגאנגען הערן דעם סאטמארער רב דאווענען. ווען ער האט געענדיגט דאווענען ביי זיך, האט מען דארטן געהאלטן פאר מוסף. און רבי יוסף אשכנזי קומט צו אים צו, און ער זאגט אים, אז דער רבי בעט אים, אז ער זאל בלאזן שופר. האט אים **מיין טאטע ז"ל** געזאגט, זאג פארן רבי'ן, אז איך האלט שוין נאכן דאווענען, און איך בין נאר געקומען הערן דאס דאווענען. האט ער געזאגט, דער רבי ווייסט, און אפילו הכי וויל ער, אז ער זאל בלאזן שופר. פון דעמאלטס אן האט ער געהאט די חזקה, און ער האט אלע געזונטע יארן געבלאזן שופר.

**שפעטער** ווען דער סאטמארער רב איז שוין נישט געווען געזונט, איז געווען יארן וואס ער האט יא געבלאזן, און יארן נישט. דעמאלטס האט שוין דער סאטמארער רב געדאווענט פריער. און עס איז געווען צייטן וואס ער איז נישט געווען אין וויליאמסבורג. איך געדענק איינמאל, וואס **מיין טאטע ז"ל** האט זיך נישט גוט געשפירט, און ער איז נישט געקומען ראש השנה. בין כסא לעשור איז ער אריינגעגאנגען מיט א קוויטל, איך בין אויך מיט געווען, און דער סאטמארער רב האט אים געפרעגט, פארוואס ער איז נישט געווען ראש השנה. האט דער טאטע ז"ל געזאגט, אז ער האט זיך נישט גוט געשפירט, ער האט נישט געקענט קומען. האט ער אים געזאגט, עס איז

---

[א] מתוך שיחת **הגה"צ אב"ד שומרי שבת שליט"א** עם **רבינו שליט"א** יום ג' דחול המועד סוכות תשע"ד לפ"ק: דער **סאטמארער רבי** האט אים אמאל געפרעגט, היתכן ער פארט וואוינען קיין ארץ ישראל, דו ווייסט דאך אז איך האלט נישט פון גיין וואוינען אין ארץ ישראל. האט ער געזאגט, רבי, זייט דעם קריג בעט איך ביי יעדע שמונה עשרה, ביי אלקי נצור, צוויי בקשות. איינס, אז איך זאל נאך קענען געבן אין מיין לעבן א קוויטל פארן הייליגן **בעלזער רב**. און אז איך זאל טרעפן מיין ברודער רבי וואלף. ער האט געהאט א ברודער רבי וואלף, וואס איז געווען זייער א גרויסער תלמיד חכם, ער האט געמאכט די ספר **טל אורות** (ב' כרכים על ל"ט מלאכות), ער איז געווען א געוואלדיגער גרויסער מענטש. און דער רבי האט אים געזאגט, אויב אזוי קענסטו פארן. און ער האט טאקע ביידע אריינגעכאפט.

נישט קיין תירוץ. זאגט ער [איך געדענק עס אזוי ווי איך האב עס היינט געהערט]: קוקסט מיך אן, [ער איז שוין געווען דעמאלטס נאכן סטראוק], איך קען זיך נישט אויפהייבן אליין פון דעם בענקל, אבער ווען איך קום אין בית המדרש, גיט דער אייבערשטער אנדערע כוחות, און איך האב געקענט דאווענען פארן עמוד. פאר א ציבור דארף מען קומען, אפילו מען האט נישט קיין כח, דארף מען זיך אנשטרענגען און קומען.

*

**יעדן** פורים פלעג איך אים טראגן משלוח מנות, נאך אין די געזונטע יארן. שפעטער איז שוין נישט אויסגעקומען מען זאל קענען אריין גיין. ער פלעגט מיר אייביג צו געבן פינף דאלער, פאר די משלוח מנות וואס איך האב געברענגט. - ער איז געווען זייער מסודר אין געלט זאכן. ער האט געהאט פארשידענע הויפענס מיט קוויטל געלט וואס ער האט באקומען. ער האט אוועקגעלייגט געלט אויף די רעכטע זייט, און אויף די לינקע זייט. עס איז געווען געלט וואס ער האט געלייגט אין טאש, און וואס ער האט געלייגט אין וועסטל. דאס געלט וואס ער פלעגט מיר צו געבן, איז אייביג געווען פון א וועסטל טאש, ער האט אייביג געקוקט אין דעם וועסטל טאש, צו דארט האט ער געלט, און פון דארטן פלעגט ער צו געבן. ער האט נישט געוואלט אויסמישן פארשידענע געלטער.

*

**מען** דארף נישט זאגן ווי אזוי עס האט אויסגעקוקט די עבודה פון א צדיק אין די הייליגע טעג, און שמחת תורה ביי די הקפות. עס איז נישט געווען קיין גרויס בית המדרש, די אלטע בית המדרש איז געווען גאנץ א קליין בית המדרש, איך בין מסופק צו די בית המדרש איז געווען צוויי מאל אזוי גרויס ווי די שטוב, און עס איז אריינגעגאנגען הונדערטער יודען ווען מען האט געטאנצט. אין יענע יארן איז נאך נישט געווען קיין עיר קאנדישאן, עס איז געווען הייס, מען האט געשוויצט די גאנצע צייט. ער האט געטאנצט מיט אזא התלהבות[ב].

**עס** האט מיר פארציילט א יוד רבי משה אריה גליק ז"ל, ער איז געווען דער גבאי אין בית המדרש. אז איינמאל מוצאי שמחת תורה האט ער געזאגט פארן **סאטמאר'ן רב**, אז דער **חתם סופר** שרייבט (**בשו"ת חתם סופר** יו"ד סימן רלד) אז אין א מקום קדוש איז א מיעוט המחזיק את המרובה, אפילו אין א קליין פלאץ גייען אריין אסאך מענטשן. דער **חתם סופר** שרייבט, אז ער האט אליין געזעהן מיט די אויגן א מיעוט המחזיק את המרובה, ער וויל אבער נישט שרייבן וואו ער האט עס געזעהן, וועגן פריצי עמנו, זיי זאלן נישט אפשפעטן. האט ער געזאגט פארן רבי'ן, איך מיין אז ביי די הקפות היינט ביים רבי'ן, איז אויך געווען אזוי ווי ביים **חתם סופר** אין בית המדרש.

**האט** אים **סאטמארער רב** צוריק געזאגט, אז די וועלט זאגט, אז דער **חתם סופר** האט געמיינט זיין בית המדרש, וואו ער האט פארגעלערנט פאר די תלמידים. דער שיעור שטוב איז געווען א קליינע שטוב, און ער האט דארט פארגעלערנט פאר הונדערטער תלמידים, און בדרך הטבע איז נישט געווען קיין פלאץ פאר אזויפיל מענטשן אריינצוגיין דארט. - איך האב געהערט פון **מיין טאטע ז"ל**, אז ער האט געזעהן דעם שיעור שטוב פונעם **חתם**

---

ב מתוך דרשת **רבינו שליט"א** בבית המדרש דקיט"ל סאטמאר בקרית יואל, ליל ד' דחול המועד סוכות תשנ"ד לפ"ק: אנחנו שזכינו להתחמם אצל אורו של **רבינו הק' זי"ע**, צריכים להחזיק נגד עינינו דמותו, איך היתה עבודת ה' שלו, תורתו, צדקתו, קדושתו, ופרישותו וכו'. בחייו הפרטי הרי היה אדם שהיה כל כולו שבור ורצוץ, אזניו היו קשובות לכל כך צרות ישראל, וכל הכלל ישראל כולו היה נושא על ראשו, איפה צריך לפעול איזה ענין, בכל זאת השעות הפנויות שהיו לו, היה מקדיש ללימוד תורה הק', הרי בשנות הזקנה כתב חיבורים שלמים, חלק גדול מהתשובות שזהו מעמל התורה שלו כתב כאן בארצות הברית, כשהיה כבר אדם זקן בא בשנים, שבדרך כלל בשנים כאלו הדרך הוא להרפות מן הכוחות. ובפרט שרבץ עליו העול הגדול להקים ולבנות מחדש את כלל ישראל אחרי המלחמה הגדולה, בכל זאת הפריש לו זמן והעמיק עצמו בתורה הק'.

כשבאים הימים הקדושים ימים הנוראים, צריך לזכור כמה נחלי דמעות הוזיל והתחנן להשי"ת, ועל אחת כמה וכמה אנו צריכים להוזיל אצל תפלותינו. וכי חידוש הוא שבבוא שמחת תורה, כשצריכים לשמוח עם התורה, באיזה שמחה ניגש ליום גדול כזה, ובהיותו שבור ורצוץ עם רגלים כואבים מסר כל כוחותיו לשמוח עם התורה, וזה לא היה כדי להלהיב את הציבור שירקדו יותר, רק זה היה קדושה עצמית שעם התורה היה חי וזה היה כל חיותו, כמו שאדם אובד את עצמו ורוקד בדביקות גדול להשי"ת, זאת היא מה שראינו אצל רבינו זי"ע.

**סופר**, און עס איז נישט געווען גרעסער ווי א בעיסמענט דירה אין וויליאמסבורג! דאס איז געווען די גאנצע בית המדרש, און דארט איז אריינגעגאנגען הונדערטער תלמידים מיט די גמרות צו א שיעור. און די וועלט זאגט, אז דער **חתם סופר** האט געמיינט צו זאגן, אז אין זיין בית המדרש האט ער געזעהן אז עס איז א מיעוט המחזיק את המרובה, און וועגן דעם האט ער נישט געוואלט שרייבן ווי ער האט עס געזעהן, ווייל מען וועט זאגן אז ער שרייבט אויף זיך אזוי (ראה **בדרשות לחם שלמה** דרוש עב).

**האט** אים דער **סאטמארער רב זי"ע** געזאגט, אז ער גלייבט נישט אז דער **חתם סופר** זאל שרייבן אויף זיך אזוי, נאר מן הסתם האט ער געמיינט ביי זיין רבי **רבי נתן אדלער זצ"ל**. אין די בית המדרש וואו **רבי נתן אדלער** האט געלערנט, איז געווען אסאך תלמידים, און עס איז נישט געווען קיין פלאץ פאר אזויפיל תלמידים.

**איך** האב געזעהן שטיין אין **שאול בחיר ה'** (דף יג) פון **רבי שאול בראך זצ"ל**, ער איז געווען א תלמיד פונעם **חתן סופר** פון מאטעסדארף, און יארן שפעטער איז אים אויסגעקומען צו זיין נאכאמאל אין דעם פלאץ, האט ער געזאגט ער וויל זעהן דעם פלאץ ווי דער רבי האט געגעבן דעם שיעור. האט מען אים אריינגעטראגן אין א שטוב. זאגט ער, אין דעם קליינעם שטוב האט דער רבי געגעבן דעם שיעור? עס קען נישט זיין! עס מוז זיין ערגעץ אנדערש. האט מען אים געזאגט, ניין, דאס איז געווען די שיעור שטוב. האט ער געזאגט: זעהט איר אז ביים רבי'ן דער **חתן סופר**, איז אויך געווען א מיעוט המחזיק את המרובה. עס האט געהאט פלאץ ביים ביי דעם שיעור פונעם **חתן סופר** אריינצונעמען אזויפיל תלמידים (ראה **בשמן ראש** חלק אחד עשר במדבר דף כג).

*

**חמשה** עשר בשבט האט דער **סאטמארער רב זי"ע** נישט געפירט טיש ברבים, נאר ביי זיך אין שטוב, אין בית המדרש אונטען. נאכן דאווענען האט ער זיך געוואשן צו א סעודה, עס איז געווען אפשר צען-פופצן יודן וואס האבן מיטגעהאלטן די סעודה. נאך די סעודה האט מען געברענגט פירות, און דעמאלטס האט מען אריינגעלאזט דעם עולם. די בחורים זענען געווען אין ישיבה, איז נישט געווען קיין בחור ווער עס זאל אטיילנעמען. בעלי בתים איז נישט געווען, ווייל מען האט גע'ארבעט, כולל יונגעלייט זענען נאך דעמאלטס נישט געווען, איז געווען ממש א מספר מצומצם וואס איז געזעסן דארטן. עס איז געווען זייער א בא'טעמ'טער טיש, ער איז געזעסן און געשמועסט. אלע זיינע טישן זענען געווען מלא חן, און מען האט געקענט אסאך קונה זיין. ער איז געווען זייער א ברייטער שמועס'ער, ער האט געוואלט איבערגעבן, עס זאל איבערגיין פון איינעם צום צווייטן. און ער האט אלץ גערעדט און פארציילט ביי יעדן טיש.

**חמשה** עשר בשבט, איז מיר אמאל אויסגעקומען צו זיין אין דערהיים פון די ישיבה, און איך האב געוואלט אריינגיין צום טיש. האט מען געזאגט, אז בחורים גייען אין ישיבה לערנען. האב איך געזאגט, איך לערן נישט אין סאטמאר, איך בין א פרעמדער. א פרעמדער, קענסטו אריינקומען. איינמאל איך האב געזעהן אז מען קען אריינגיין דארט אלץ א פרעמדער, עס איז אזא קליין פלאץ, בין איך שוין יעדעס יאר חמשה עשר בשבט, זיך אויפגעהויבן פון ישיבה און אריינגעפארן. איך האב געוואוסט אז דעמאלטס איז דא אזא בא'טעמטער זמן וואס מען קען זיין אינאיינעם.

*

**צוויי** מאל האב איך זוכה געווען אז ער האט מיך געבענטשט. איינמאל אין די טאג פון די בר מצוה (בשנת תשכ"א). און איינמאל פאר די חתונה (בשנת תשכ"ז). ווען ער פלעגט צו בענטשן, פלעגט ער ארויפלייגן די הענט אויפן קאפ, אבער ער האט זייער שטיל געזאגט, מען האט נישט געהערט קיינמאל וואס זיין ברכה איז. ער פלעגט צו בענטשן פאר די בר מצוה, און פאר די חתונה.

*

**ער** איז געווען ביי אונז אינדערהיים (אצל אביו **הגה"צ מסאמבאטהעלי זצ"ל**), אויף פענ"ן סטריט, צוויי מאל. איינמאל ווען מיין ברודער רבי חיים לייב האט געמאכט א ברית, דעמאלטס האבן מיר זיך אריינגעצויגן דארטן אין די דירה. און דער סאטמארער רב האט געזוכט א געלעגנהייט צו קומען באזוכן מיין טאטען. עס איז געווען א ברית, און ער האט געהאט סנדקאות, איז ער געקומען

דעמאלטס צום ברית אין בית המדרש. ער האט געדאווענט ביי זיך, און נאכן דאווענען, פאר ר"ת'ס תפילין, איז ער אריבערגעקומען צום ברית. נאכדעם ווילאנג מען האט זיך געזעצט צו די סעודה, האט ער געוואלט לייגן ר"ת'ס תפילין, האט אים מיין טאטע ארויפגעטראגן אויבן אין ספרים שטוב, דארטן האט ער געלייגט ר"ת'ס תפילין, און שפעטער איז ער אראפגעקומען צו די סעודה.

**ווען** ער איז געזעסן דארט, האט מען אזוי געשמועסט, און ער האט אנגעהויבן צו רעדן, אז עס איז דא צדיקים וואס זייער דברי תורה איז נתפרסם געווארן, און עס איז דא צדיקים וואס זייער תורה איז נישט נתפרסם געווארן. און דאס האט נישט צו טון מיט זייער גרויסקייט, נאר עס האט צו טון וואס זיין שורש נשמה איז. עס זענען דא נשמות וואס זייער תורה דארף נתגלה ווערן פאר יעדן איינעם, און עס זענען דא נשמות וואס זיי דארפן נישט נתגלה ווערן. האט ער געזאגט אויף זיך, ער האט געוויזן פאר מיין טאטען, איר זעהט דעם ספרים שאנק - מיין טאטע האט געהאט א לאנגע ספרים שאנק - ווען מען זאל אויפשרייבן אלעס וואס איך האב שוין געזאגט אין מיין לעבן, וואלט מען געקענט אנפולן א גאנצע רייע מיט ספרים פון וואס איך האב שוין געזאגט. און ער האט אנגעהויבן אויסצורעכנען, אינדרהיים האט ער גע'דרש'נט יעדן פרייטאג צו נאכטס, און ביי אלע דריי סעודות, פרקי אבות וואס ער האט געזאגט, און די דרשות וואס ער האט געזאגט. מען וואלט געקענט אנפילן א גאנצע רייע מיט ספרים.

**די** צווייטע מאל איז ער געווען ביי אונז אין שטוב, ווען איך האב חתונה געהאט. מיין חתונה איז געווען אין מאנטריאל, און אויף די לעצטערע שבע ברכות איז מען צוריקגעקומען אהער. איז ער געקומען צו מיין שבע ברכות ביי אונז אין שטוב. דעמאלטס איז געווען נאך די זעקס טאג'יגע קריג אין ארץ ישראל, און ער איז געווען פארנומען מיט דעם קריג פון ארץ ישראל, ער האט דעמאלטס געשריבן דעם **על הגאולה ועל התמורה**, און ווי ער האט געהאט א געלעגנהייט האט ער גע'דרש'נט און גערעדט דערפון. ביי די שבע ברכות אויך, אפילו עס איז נישט געווען קיין גרויסער עולם, אבער עס איז געווען א גאנצע שמועס.

**עס** ליגט מיר נאך אין זכרון אז ער האט דעמאלטס געזאגט: זיי שרייען דאך, אז עס איז געווען ניסים אין ארץ ישראל, און איך זאג דאך אז עס איז נישט געווען ניסים. איך הייב שוין אן מודה צו זיין, זאגט ער, אז עס איז געווען ניסים. יעדער האט געקוקט וואס ער זאגט. זאגט ער, אז מען קען איינרעדן א גאנצע וועלט אז עס איז געווען ניסים, דאס אליין איז א נס, דאס איז נישט קיין דרך הטבע. איינרעדן א גאנצע וועלט אז עס איז געווען ניסים, דאס אליין איז נישט קיין דרך הטבע...

*

**מען** דארף דאך נישט זאגן זיין גרויסקייט אין תורה. זיין גרויסקייט אין עבודת ה', זיין דאווענען, זיין ריינקייט וואס ער האט געהאט, זיינע מידות טובות. זיין עין טובה. ער האט פארגינען פאר יעדן איינעם. מען האט דאך געדארפט אויפשטעלן א פרישן דור. מען איז געקומען אויף אמעריקא, וואו עס איז נישט געווען גארנישט, און מען האט אנגעהויבן פון די אל"ף. געלט איז נישט געווען, קיינער האט נישט געהאט. יעדע מוסד האט זיך געפלאגט, און פון דעסטוועגן דאך, איז ביי אים אין בית המדרש יעדע שבת געווען אן אפיל פאר א אנדערן מוסד. ער האט נישט מורא געהאט אז דורכדעם וועט ער האבן וויניגער, מען וועט געבן דאס געלט ערגעץ אנדערש. עס איז נישט אדורכגעגאנגען קיין שבת וואס זאל נישט זיין קיין אפיל אין בית המדרש פאר א צווייטן מוסד און געשטיצט יעדן מוסד. ער איז געווען א עמוד פון צדקה.

*

**דעם טאהש'ער רבי'ס** יארצייט איז אויך די וואך. דער **טאהש'ער רבי** איז דאך געווען א עני ואביון אין די ערשטערע יארן זיינע, שפעטער האט ער געהאט אסאך געלט. עס איז ביי אים מקויים געווארן (אבות ד-ט), כל המקיים את התורה מעוני, סופו לקיימו מעושר. - עס האט מיר געזאגט א יוד, אז דער טאהש'ער רבי האט אים אמאל געזאגט, אז נאכן **סאטמאר'ער רב**, בין איך דער גרעסטער בעל צדקה. ער האט מחשיב געווען דעם **סאטמארער רב**, אז ער צוטיילט אלעס וואס ער באקומט. ער האט געהאלטן אז נאך אים, צוטיילט ער אויך אלעס וואס ער האט, פאר אנדערע.

**ווען** דער סאטמארער רב איז נישט געזונט געווארן, איז מיר שוין נישט אויסגעקומען אז איך זאל קענען אזויפיל זיין, ער איז שוין ווייניג געווען אין וויליאמסבורג, ער האט זיך אוועקגעצויגן קיין בעל הארבער. אין וויליאמסבורג איז ער אריינגעקומען נאר אמאל אויף א שנערן שבת. און דעמאלטס האט מען געבויט מאנרא, איז ער שוין געגאנגען אויף מאנרא. האב איך געזוכט אנדערע צדיקים. איך האב מיך נישט אפגעלאזט. ווילאנג מען קען גיין צו אן ערליכען יוד, דארף מען גיין. מען דארף אלץ קונה זיין, פרובירן וואס מען קען נאשן פון פריער'דיגע יודען. עס איז דא ווייניג צדיקים, ראה הקב"ה שצדיקים מועטים, עמד ושתלן בכל דור ודור (יומא לח:). אין יעדן דור איז דא ערליכע יודען, און מען דארף זיך מדבק זיין און מקבל זיין. אז מען קען נישט אויף איין פלאץ, גייט מען אויף א צווייטן פלאץ. אבער נישט לאזן אדורכגיין ליידיג, און מען זאל זיין אנגעבינדן אין א ערליכן יוד.

*

**עס** איז די יארצייט פונעם **ספינקער רבי'ן, רבי הערש'עלע זצ"ל**. איך בין אמאל געווען ביי אים פורים. איך בין געווען אביסל אנגעטרינקען, און איך בין אריינגעגאנגען מיט א קוויטל. אויף די לינקע זייט איז געשטאנען א גאנצע רייע מיט מענטשן, און די רעכטע זייט איז געווען ליידיג. בין איך געגאנגען און איך האב אויסגעקרויזט די גאנצע רייע, איך בין צוגעגאנגען אויף די רעכטע זייט, און איך געב אים א קוויטל. הייבט ער אן צו לאכן. יעדער קוקט וואס ער לאכט אזוי. פרעגט ער מיך, דו ווייסט פארוואס איך לאך? זאג איך, ניין. זאגט ער מיר, איך בין געווען אמאל ביים **סאטמארער רב** ערב יום הקדוש, איך בין געווען א יונגערמאן, און איך האב זיך געאיילט, מען דארף זיך צוגרייטן צום יום טוב, און ווען איך קום אריין זעה א לאנגע שורה פון מענטשן, וואס שטייען אין די רייע צו געבן קוויטלעך. אינמיטן זעה איך אייער טאטע קומט אן, און ער קרויזט אויס די גאנצע רייע, און ער גייט אויף די רעכטע זייט, און ער גיט גראד דעם קוויטל פאר'ן סאטמארער רב. האב איך זיך אויסגעלערנט, אז א שיינער איד קען גיין אין די זייט. זאגט ער מיר, יעצט זעה איך, אז איר טוט אויך אזוי, האב איך מיך דערמאנט פון די מעשה, וועגן דעם האב איך זיך צולאכט.

*

**ווען** איך בין געווארן רב דא אין וויען, בין איך געגאנגען נעמען א ברכה ביי אים. האט ער מיר געזאגט, איך האב זיך אסאך געדרייט ביי **רבי יונתן שטייף זצ"ל**. איך בין געווען א בחור, צו א יונגערמאן, און ספרים איז נאך נישט געווען דעמאלטס בנמצא, מען האט נאך נישט געהאט איבערגעדרוקט ספרים פון נאך די קריג, און רבי יונתן האט געהאט אסאך ספרים. ווען איך האב געדארפט עפעס קוקן, פלעג איך ארויפצוגיין צו רבי יונתן. רבי יונתן האט מיך שטארק מקרב געווען. ער איז געזעסן און געלערנט, און ער האט מיר געזאגט, דו קענסט זיך ארומדרייען דא, דו קענסט אריינקומען ווען דו דארפסט. און איך פלעג אסאך ארויפצוגיין צו אים אין שטוב. און איך האב אים געהערט קרעכצן. און אזא סארט קרעכץ האב איך נישט געהערט נאר פונעם **חקל יצחק**. האב איך פארשטאנען, אז ער איז גאר א דערהויבענער יוד. און איך האב אלץ געטראכט, אז דער פלאץ וואו ער איז רב, וועט נאך מוזן ווערן אמאל א חסידיש פלאץ. יעצט אז איר זאגט, אז איר גייט ווערן דארטן רב, האב איך הנאה אז איך האב נישט שלעכט געזעהן.

*

**איך** וועל איבערזאגן א ווארט פונעם סאטמארער רב, פונעם ספר **מפיהם ומפי כתבם** (וסיפר **רבינו שליט"א** מתוך הספר). ער ברענגט צו, אז דער **ריסקעווער רב** האט פארציילט, אז ער איז אמאל געווען מיטן סאטמארער רב אינדערהיים אין א באד. און אויפן וועג אהיים פונעם באד קיין סאטמאר, איז געווען אפגעשמועסט אז ער גייט זיך אפשטעלן אין דעעש צו עפעס א חנוכת הבית. אסאך חסידים וואס זענען געווען דארטן אין דעם באד, זענען מיטגעגאנגען אויף די נסיעה צוזאמען מיט אים. און דער ריסקעווער רב איז אויך מיטגעגאנגען אינאיינעם. ווען מען האט געדארפט דאווענען מנחה, איז מען אריין אין עפעס א קרעטשמע דאווענען. נאכן דאווענען האט זיך דער **סאטמארער רב** אראפגעזעצט ביים טיש, און ער האט אנגעהויבן צו שמועסן מיט די חסידים. און דער משמש רבי פייבוש האט געוויזן פארן רבין, אז עס איז שפעט, מען דארף נאך אנקומען קיין דעעש. און דער סאטמארער רב האט זיך אנגערופן, עס איז זייער בא'טעמ'ט צו זיצן דא. עס האט אים נישט געצויגן אוועקצוגיין, און ער איז געזעסן רואיגערהייט און געשמועסט ווייטער.

**אינמיטן** איז אריינגעקומען דער בעל הבית פון די קרעטשמע, ער איז שוין געווען אן אלטער איד, און ער האט אריינגעברענגט עפעס טועם צו זיין דארטן פארן עולם, און ער האט אנגעהויבן צו רעדן, און ער האט עפעס געזאגט, אז זיין טאטע האט אים יעצט געזאגט אזוי און אזוי. רופט זיך אן דער סאטמארער רב, אייער טאטע האט אייך געזאגט?! אייער טאטע לעבט נאך? זאגט ער, יא, ער לעבט, ער איז דא. פרעגט ער, ווי אלט איז ער? זאגט דער קרעטשמער, ער איז הונדערט און פינף יאר. זאגט אים דער סאטמארער רב, איך וואלט אים זייער געוואלט זעהן. איך האב נאך קיינמאל אין מיין לעבן נישט געזעהן א מענטש פון הונדערט און פינף יאר, איך וויל זעהן ווי אזוי א זקן זעהט אויס. האט ער געזאגט, ער גייט אים אריינרופן. ער האט געמיינט אז עס וועט אריינקומען א מענטש אויף א ווילטשע"ר, דערווייל קומט ער אריין געזונטערהייט מיט די אייגענע פיס, און ער שטעלט זיך פאר, אז ער איז דער טאטע פון דעם קרעטשמער. ער איז געווען א איש פשוט מאד, און דער סאטמארער רב גיט אים שלום, און ער פרעגט אים, צו ער האט געקענט צדיקים פון פריער? האט ער געזאגט, יא, ער האט געקענט אפאר רבי'ס, ווען זיי פלעגן דא אדורכצופארן, פלעגן זיי אריינצוקומען דא אין די קרעטשמע. רבי מענדעלע דעעש'ער פלעגט אסאך אדורכצופארן דא. און ער האט אנגעהויבן אויסצורעכענען נאך ערליכע יודען וואס ער האט געקענט. אינמיטן זאגט ער, אז עפעס איינעם א 'ייטב' האב איך אויך געקענט. פרעגט ער אים, דער ייטב לב? זאגט ער, יא, דעם **ייטב לב** האט ער אויך געקענט. ער איז דא געווען אמאל ביי מיר א נאכט, און די גאנצע נאכט איז ער נישט געגאנגען שלאפן, נאר ער איז ארומגעגאנגען און געקלאפט מיט די פוס א גאנצע נאכט. - האבן זיי פארשטאנען דעמאלטס, פארוואס דער סאטמארער רב האט זיך אנגערופן, אז עס איז א בא'טעמ'ט פלאץ, ער האט מרגיש געווען די קדושה פון די צדיקים וואס זענען געווען דארטן.

**זאגט** דער סאטמארער רב נאכדעם פאר דעם אלטן יוד, איך וויל אייך עפעס פרעגן, איר זענט דאך שוין אן אלטער איד, פון וואס שעפט איר היינט חיות? פון עסן, פון טרינקען, פון דעם האט איר חיות? זאגט ער, ווען מען קומט אין די יארן, איך עס שוין נישט, איך טרינק שוין נישט, עס מאכט שוין ביי מיר נישט אויס דאס עסן. פרעגט אים דער סאטמארער רב ווייטער, און פון געלט אפשר האט איר חיות? זאגט ער, יא געלט... דאס ווערט נישט בטל... דאס האט ער א חיות ביי די הונדערט יאר אויך.

**והוסיף רבינו:** די וועלט זאגט, אז אלע איסורים ווערן בטל בששים, אבער א דבר שבמנין ווערט נישט בטל (זבחים עג.). ווען א מענטש ווערט ששים, בן ששים לזקנה (אבות ה-כא), ווערן בטל די אלע תאוות וואס מען האט אין די יוגענט, ביי די ששים האט מען שוין נישט די תאוות. אבער דער דבר שבמנין, דאס געלט וואס מען ציילט, דאס ווערט נישט בטל בששים אויך נישט. מען מעג אלט זיין הונדערט יאר, און פון געלט האט מען חיות.

**מען** האט געענדיגט מיט א געלט מעשה, זאל דער אייבערשטער צושיקן געלט פאר אלע אידישע קינדער, ברכה און הצלחה אי"ה.

*

אחר שזימרו הניגון 'רבון העולמים' הוסיף **רבינו שליט"א** ואמר: איך האב נישט פארציילט א מעשה פונעם **סקולענער רבי זצ"ל**. - ווען דער **סקולענער רבי זצ"ל** איז אנגעקומען קיין אמעריקא, איז ער געווען ביי רבי יוסף בוקסבוים ז"ל, ער האט אים איבערגעגעבן זיין בעיסמענ"ט איינצושטיין. און דארט האט ער געדאווענט. ווען ער פלעגט ליינען קריאת שמע האט עס גענומען צוואנציג, פינף און צוואנציג מינוט, אז כמעט קיינער האט נישט געוואלט מיטדאווענען מיט אים, ווייל ווער קען אוועקגעבן אזויפיל צייט אויסצוהערן א קריאת שמע. ווען ער פלעגט דאווענען מעריב, פלעגט מען צו זאגן ברכו, און דער עולם האט זיך געזעצט לערנען, און ווען ער האט געענדיגט ה' אלקיכם אמת, האט זיך דער עולם געשטעלט דאווענען. מען האט אלץ געדארפט זוכן מנין, און איך פלעג אסאך מאל משלים זיין די מנין, כדי ער זאל קענען דאווענען מעריב.

*

**א** יוד האט מיר פארציילט, אז ווען ער האט געוואוינט אין קרוינהייטס, איז געווען דער בית הכסא אויבן אויפן שטאק, און מען האט געדארפט ארויפגיין אין דער הייעך, און דארט איז געווען א

טיר אריינצוגיין אין בית הכסא. און ווען ער פלעגט ארויסקומען פון בית הכסא, פלעגט ער נישט אויסלעשן די לעקטער פונעם בית הכסא ווען ער איז ארויסגעגאנגען, נאר ווען ער איז שוין געשטאנען אויף די סטעפ"ס, האט ער זיך ארויפגעבויגן אויסצולעשן די לעקטער. ער איז נישט געווען א הויכער, און ער האט זיך אלץ געדארפט אנשטרענגען, ביז ער האט געקענט צוקומען אויסצולעשן דעם לעקטער.

**דער** גבאי האט אים אמאל געפרעגט, דער רבי קען אויסלעשן די לעקטער ווען מען איז נאך אינווייניג, פארוואס דארף מען אויסלעשן די לעקטער ווען מען איז שוין אינדרויסן? האט ער אים געזאגט, א יעדע זאך וואס א יוד טוט, דארף מען טון לשם שמים. אז עס ברענט א לעקטער, און מען לעשט אויס די לעקטער, איז מען מקיים די מצוה פון בל תשחית, מען זאל נישט מאבד זיין ממון ישראל. עס קאסט געלט יעדע רגע וואס עס ברענט, און אז מען לעשט עס אויס, שפארט מען יודיש געלט. און א מצוה דארף מען נישט טון אין בית הכסא, א מצוה דארף מען טון אינדרויסן. ער האט מקפיד געווען אויף יעדע קלייניגקייט, אויסצולעשן איז א דבר מצוה, און א דבר מצוה דארף מען נישט טון אין בית הכסא, נאר מען דארף עס טון אינדרויסן. - מען דארף וויסן אז אויסלעשן א לעקטער איז נישט אזא פשוטע זאך. מען לאזט היינט איבער לעקטער'ס מיט עירקאנדישאנ"ס וואס ברענען, און עס קאסט געלט. אלעס וואס מען שפארט, איז נישט קיין קארגשאפט, עס איז א דבר מצוה. מען טאר נישט סתם אזוי משחית זיין ממון ישראל (ראה **בשמן ראש** חלק תשיעי במדבר דף רמ).

**וסיים רבינו:** דאס איז אויך א געלט מעשה.

**זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל**